נתנדב לעילוי ולטובת נשמת הר"ר ישעיה ז"ל בן יבלחט"א הר"ר אהרן הכהן הי"ו

אויף אידיש

# זוהַר הַקָדוֹש מִיטְן פֵּירוּש מָתוֹק מִדְבַשׁ אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

לוח עמוד היומי בזוה"ק פרשת תזריע

חלק ו - פרשת יתרו

| יום | וילנא | מתוק מדבש |
|---|---|---|
| ראשון | פד ע"ב | רד-רט |
| שני | פה ע"א | רט-רטו |
| שלישי | פה ע"ב | רטו-רכא |
| רביעי | פו ע"א | רכא-רכז |
| חמישי | פו ע"ב | רכז-רלב |
| שישי | פז ע"א | רלב-רלח |
| שב"ק | פז ע"ב | רלח-רמג |

יו"ל בעזהשי"ת ע"י מרכז "מתוק מדבש" ת.ד. 5315 ירושלים | עלון מס' 77 | פרשת שמיני תשפ"ב

## בבוקר כשמתעוררת מדת החסד נשברים כל הדינים

**תָּא חֲזֵי, כָּל אִינּוּן דְּמִשְׁתַּדְּלֵי בְּאוֹרַיְיתָא, מִתְדַּבְּקִין בֵּיהּ בְּקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא** בא וראה כל אותם העוסקים בתורה, מתדבקים בהקב"ה, **וּמִתְעַטְּרֵי בְּעִטְרֵי דְּאוֹרַיְיתָא** ומתעטרים בכתרה של תורה, **וְאִתְרְחִימוּ לְעֵילָּא וְתַתָּא** והם נאהבים למעלה בין המלאכים ולמטה בין בני אדם, **וְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אוֹשִׁיט לוֹן יְמִינֵיהּ** והקב"ה פושט להם ימינו שהוא מדת חסדו ששם שורש האהבה, **כָּל שֶׁכֵּן אִינּוּן דְּמִשְׁתַּדְּלֵי בְּאוֹרַיְיתָא נָמֵי בְּלֵילְיָא** ומכל שכן אותם העוסקים בתורה גם בלילה, שלימוד הלילה הוא נחוץ וחשוב יותר, **וְהָא אוֹקְמוּהָ, דְּאִינּוּן מִשְׁתַּתְּפֵי בִּשְׁכִינְתָּא וְאִתְחַבְּרוּ כַּחֲדָא** והרי ביארו החברים, שאלו משתתפים בשכינה ומתחברים עמה כאחד, **וְכַד אָתֵי צַפְרָא, קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא מְעַטֵּר לְהוּ בְּחַד חוּטָא דְּחֶסֶד** וכשבא הבקר, הקב"ה מעטר אותם בחוט אחד של חסד, **לְאִשְׁתְּמוֹדְעָא בֵּין עִלָּאִין וְתַתָּאִין** שיהיו ניכרים בין בעליונים ובין בתחתונים, כלומר שכולם יכירו אותם להטיב עמהם.

**וְכָל אִינּוּן כּוֹכְבֵי צַפְרָא** וכל אותם כוכבי בקר **בְּשַׁעְתָּא דִּכְנֶסֶת יִשְׂרָאֵל וְכָל אִינּוּן דְּלָעָאן בְּאוֹרַיְיתָא אָתָאן לְאִתְחֲזָאָה קַמֵּי מַלְכָּא** בשעה שכנסת ישראל שהיא השכינה וכל אותם העוסקים בתורה בלילה באים להראות לפני המלך ב"ה, אז **כֻּלְּהוּ מְזַמְּרֵי כַּחֲדָא** כולם מזמרים יחד, **הָדָא הוּא דִכְתִיב** זהו שכתוב **בְּרָן יַחַד כּוֹכְבֵי בֹקֶר** כשכוכבי בקר מרננים יחד עם השכינה ועם העוסקים בתורה בלילה, אז **וַיָּרִיעוּ כָּל בְּנֵי אֱלֹהִים**.

ושאל **מַאי וַיָּרִיעוּ** מה פירושו, והשיב **כְּמָה דְּאַתְּ אָמַר** כמו שנאמר **רוֹעָה הִתְרוֹעֲעָה הָאָרֶץ** פי' שתשבר הארץ לשברים, הרי שמלת ויריעו היא לשון שבירה, והיינו **דְּאִינּוּן דִּינִין מִתְּתַּבְּרִין** שאותם הדינים נשברים, שהם כל

### אידיש

### אִינְדֶערְפְרִי וֶוען עֶס וֶוערְט נִתְעוֹרֵר דִי מִדַּת הַחֶסֶד, וֶוערְן צוּבְרָאכְן אַלֶע דִינִים

**קוּם** אוּן זֶע, אַלֶע וָואס בַּאשֶׁעפְטִיגְן זִיךְ אִין דִי תּוֹרָה, טוּעֶן זִיךְ בַּאהֶעפְטְן אִינֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי וֶוערְן בַּאקְרוֹינְט מִיטְן קְרוֹין פוּן דִי תּוֹרָה, אוּן זֵיי זֶענֶען בַּאלִיבְּט אוֹיבְן צְוִוישְׁן דִי מַלְאָכִים אוּן אוּנְטְן צְוִוישְׁן דִי מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער שְׁטְרֶעקְט אוֹיס פַאר זֵיי זַיין רֶעכְטְן הַאנְט וָואס דָאס אִיז זַיין מִדָּה פוּן חֶסֶד וָואס דָארְט אִיז דֶער שוֹרֶש הָאַהֲבָה, אוּן נָאכְמֶער אִיז אַזוֹי בַּיי דִי וָואס בַּאשֶׁעפְטִיגְן זִיךְ אִין דִי תּוֹרָה אוֹיךְ בַּייְנַאכְט, וַוייל דָאס לֶערְנֶען בַּייְנַאכְט אִיז נָאכְמֶער וִויכְטִיג אוּן חָשׁוּב, אוּן דִי חֲבֵרִים הָאבְּן דָאס שוֹין עֶרְקְלֶערְט, אַז אָט דִי וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה בַּייְנַאכְט, טוּעֶן זִיךְ מִשְׁתַּתֵּף זַיין מִיט דִי שְׁכִינָה אוּן וֶוערְן בַּאהָאפְטְן צוּזַאמֶען מִיט אִיר, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט אָן דֶער פְרִימָארְגְן, טוּט זֵיי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בַּאקְרוֹינֶען מִיט אַ פָאדִים פוּן חֶסֶד, אַז זֵיי זָאלְן וֶוערְן דֶערְקֶענְט סַיי צְוִוישְׁן דִי עֶלְיוֹנִים אוּן סַיי צְוִוישְׁן דִי תַּחְתּוֹנִים, דָאס מֵיינְט אַז יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל זֵיי דֶערְקֶענֶען צוּ טוּן גוּטְס מִיט זֵיי.

**אוּן** אָט דִי אַלֶע מָארְגְנְשְׁטֶערְן, אִינְדֶערְצַייט וָואס כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל וָואס זִי אִיז דִי שְׁכִינָה, אוּן אַלֶע וָואס בַּאשֶׁעפְטִיגְן זִיךְ אִין דִי תּוֹרָה בַּייְנַאכְט, קוּמֶען זִיךְ צוּ בַּאוַוייזְן פַארְן קֶענִיג בָּרוּךְ הוּא, דֶעמָאלְטְס זִינְגֶען זֵיי אַלֶע צוּזַאמֶען, דָאס אִיז וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "בְּרָן יַחַד כּוֹכְבֵי בֹקֶר", וֶוען עֶס לוֹיבְן צוּזַאמֶען דִי מָארְגְנְשְׁטֶערְן, דָאס הֵייסְט, וֶוען דִי מָארְגְנְשְׁטֶערְן לוֹיבְן צוּזַאמֶען מִיט דִי שְׁכִינָה אוּן מִיט דִי וָואס בַּאשֶׁעפְטִיגְן זִיךְ אִין דִי תּוֹרָה בַּייְנַאכְט, דֶעמָאלְטְס "וַיָּרִיעוּ כָּל בְּנֵי אֱלֹהִים", אוּן אַלֶע מַלְאָכִים שַׁאלְן מִיט גֶעזַאנְג.

**פְרֶעגְט** דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ, וָואס מֵיינְט "וַיָּרִיעוּ", עֶנְטְפֶערְט דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "רוֹעָה הִתְרוֹעֲעָה הָאָרֶץ", דִי עֶרְד וֶועט צוּבְרָאכְן וֶוערְן אוֹיף שְׁטִיקְלֶעךְ, זֶעעֶן מִיר אַז דִי וָוארְט "וַיָּרִיעוּ" אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן

כחות הגבורות הנקראים בני אלהים, וְאִתַּבָּרוּ כֻּלְּהוּ מִקַּמֵּי בֹּקֶר וכל הדינים נשברים לפני מדת החסד הנקראת בקר, כַּד אִתְּעַר בֹּקֶר בְּעָלְמָא כשמתעורר החסד בעולם בבקר, כְּמָה דְאַתְּ אָמַר כמו שנאמר וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם בַּבֹּקֶר שמדת החסד של אברהם מתעורר בבקר, וְעַל דָּא ועל זה נאמר וַיָּרִיעוּ כָּל בְּנֵי אֱלֹהִים שיהיו נשברים כל בעלי הדינים הנקראים בני אלהים. וכאן הוא סיום הדרוש של רבי יצחק שבריש הפרשה, שפתח בפסוק ויהי ביום השמיני, שמלת "ויהי" הוא לשון צער לבעלי הדינים, "ביום השמיני" הוא החכמה שהיא ספירה השמינית דז"א מהיסוד ולמעלה, והיינו שעל ידי התגלות אור החכמה המאיר בחסד כל הדינים נשברים ומתבטלים. (דף לו ע"א, ובביאורינו כרך י עמ' תמד-תמה)

## החמור השמיע קול של שמחה כשהרגיש מרחוק את ר"א בר"ש

רַבִּי אֶלְעָזָר הֲוָה אָזִיל בְּאָרְחָא רבי אלעזר היה הולך בדרך, אַשְׁכְּחֵיהּ לְרַבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר דַּהֲוָה אָתֵי מצא את רבי פנחס בן יאיר שהיה בא בדרך אחרת, ועדיין לא ראו זה את זה, (כנודע שרבי פנחס בן יאיר היה זקנו, אבי אמו של רבי אלעזר), גָּעָא חֲמָרֵיהּ נער וצעק חמורו של רבי פנחס, אָמַר רַבִּי פִּנְחָס, בְּקָלָא דְּחֶדְוָותָא דַּחֲמָרָא חֲמֵינָא בקול של שמחה שהשמיע החמור ראיתי והבנתי, דְּאַנְפִּין חַדְתִּין יִשְׁתַּכְּחוּן הָכָא כי פנים חדשות ימצאו כאן, כֵּיוָן דְּנָפַק מִבָּתַר עַנְפּוֹי דְּטוּרָא כיון שיצא רבי פנחס מאחורי ענפי ההר, חָמָא לֵיהּ לְרַבִּי אֶלְעָזָר דַּהֲוָה אָתֵי ראה את רבי אלעזר שהיה בא כנגדו, אָמַר רבי פנחס, וַדַּאי קָלָא דְּחֶדְוָותָא אִשְׁתְּלִים ודאי קול השמחה של החמור נשלם ונתקיים, כלומר שיפה כיונתי על הרמז של קול החמור, נָחַת רַבִּי אֶלְעָזָר לְגַבֵּיהּ וְנָשִׁיק לֵיהּ ירד רבי אלעזר אל רבי פנחס ונשק אותו (בסוד יחוד דנשיקין), אָמַר לֵיהּ רבי פנחס לרבי אלעזר, אִי טוּפְסָא דְּאָרְחָא חַד לְגַבָּן (ס"ג הרמ"ק) אם תפיסת דרך אחת היא לנו, שאתה הולך בדרך ההיא שאני הולך, אז נֵזִיל וְנִתְחַבַּר כַּחֲדָא נלך ונתחבר יחד, וְאִי לָאו ואם אתה הולך בדרך אחרת, אז טוֹל אָרְחָךְ וְזִיל קח דרכך ולך, אָמַר לֵיהּ רבי אלעזר לרבי פנחס, וַדַּאי לְקַבְלָךְ אֲזֵילְנָא ודאי כנגדך ואליך הלכתי, כֵּיוָן דְּאַשְׁכַּחְנָא לָךְ אֵיזִיל אֲבַתְרָךְ וְנִתְחַבַּר כַּחֲדָא כיון שמצאתי אותך אלך אחריך ונתחבר כאחד. (דף לו ע"א, ובביאורינו כרך י עמ' תמה-תמו)

## אידיש

צוּבְּרֶעכְן, און דָאס מֵיינְט אַז אָט דִי דִינִים וָואס דָאס זֶענֶען אַלֶע כּוֹחוֹת פוּן דִי גְבוּרוֹת וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן "בְּנֵי אֱלֹהִים" וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, און אַלֶע דִינִים וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פַאַרְן מִדַּת הַחֶסֶד וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "בֹּקֶר", אִינְדֶערְפְרִי, וֶוען עֶס וֶוערְט עֶרְוֶועקְט דִי חֶסֶד אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם בַּבֹּקֶר", און אַבְרָהָם אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִינְדֶערְפְרִי, דָאס הֵייסְט אַז מִדַּת הַחֶסֶד פוּן אַבְרָהָם וֶוערְט נִתְעוֹרֵר אִינְדֶערְפְרִי, און דֶערְפַאר שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיָּרִיעוּ כָּל בְּנֵי אֱלֹהִים", אַז עֶס וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אַלֶע בַּעֲלֵי הַדִינִים וָואס זֵיי וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן "בְּנֵי אֱלֹהִים". דָא עֶנְדִיגְט זִיךְ דֶער דְרוּשׁ פוּן רַבִּי יִצְחָק אִין אָנְהֵייבּ פוּן דִי פַּרְשָׁה, וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיטְן פָּסוּק "וַיְהִי בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי", אַז דִי וָוארְט "וַיְהִי" אִיז אַ לָשׁוֹן צַעַר פַאר דִי בַּעֲלֵי הַדִינִים, "בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי" אִיז דִי בְּחִינָה פוּן חָכְמָה וָואס דָאס אִיז אַכְטֶע סְפִירָה פוּן ז"א אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן דִי בְּחִינָה פוּן יְסוֹד און אַרוֹיף, און דָאס הֵייסְט אַז דוּרְכְן הִתְגַּלוּת אוֹר הַחָכְמָה וָואס לַייכְט מִיט חֶסֶד, וֶוערְן אַלֶע דִינִים צוּבְּרָאכְן און צוּשְׁטֶערְט.

### דֶער אֵייזְל הָאט גֶעלָאזְט הֶערְן אַ קוֹל פוּן שִׂמְחָה וֶוען עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט פוּנְדֶערְוַוייטְנְס רַבִּי אֶלְעָזָר בְּרַבִּי שִׁמְעוֹן

רַבִּי אֶלְעָזָר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין וֶועג, און עֶר הָאט בַּאגֶעגְנְט רַבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען פוּן אַן אַנְדֶער וֶועג, און נָאךְ אֵיידֶער זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעזֶען (וִוי בַּאוואוּסְט אִיז רַבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר גֶעוֶוען זַיין זֵיידֶע, דֶער טַאטֶע פוּן רַבִּי אֶלְעָזָר'ס מַאמֶע), הָאט דֶער אֵייזְל פוּן רַבִּי פִּנְחָס גֶעמַאכְט אַ הוֹיךְ קוֹל און גֶעשְׁרִיגְן, הָאט רַבִּי פִּנְחָס גֶעזָאגְט, מִיט אָט דֶעם פְרֵיילִיכְן קוֹל וָואס דֶער אֵייזְל הָאט גֶעלָאזְט הֶערְן, הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט און פַארְשְׁטַאנֶען, אַז אַ נֵייעֶם גֶעזִיכְט וֶועל אִיךְ דָא גֶעפִינֶען, וִוי נָאר רַבִּי פִּנְחָס אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן אוּנְטֶער דִי צְוַוייגְן פוּנֶעם בַּארְג, הָאט עֶר גֶעזֶען רַבִּי אֶלְעָזָר וֶועלְכֶער אִיז גֶעקוּמֶען אַנְטְקֶעגְן אִים, הָאט רַבִּי פִּנְחָס גֶעזָאגְט, זִיכֶער אִיז דֶער פְרֵיילִיכֶער קוֹל פוּנֶעם אֵייזְל עֶרְגֶענְצְט גֶעוָוארְן און מְקוּיָם גֶעוָוארְן, דָאס הֵייסְט, אִיךְ הָאבּ גוּט צוּגֶעטְרָאפְן דֶעם רֶמֶז פוּנֶעם אֵייזְל מִיט זַיין קוֹל, אִיז רַבִּי אֶלְעָזָר אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען צוּ רַבִּי פִּנְחָס און הָאט אִים גֶעקוּשְׁט (בְּסוֹד יִחוּד דִנְשִׁיקִין), הָאט רַבִּי פִּנְחָס גֶעזָאגְט צוּ רַבִּי אֶלְעָזָר, אוֹיבּ מִיר הַאלְטְן זִיךְ אָן אִין אֵיין וֶועג, אַז דוּ גֵייסְט אוֹיפְן וֶועג וָואס אִיךְ גֵיי, לָאמִיר גֵיין און זִיךְ בַּאהֶעפְטְן צוּזַאמֶען, און אוֹיבּ דוּ גֵייסְט אוֹיף אַן אַנְדֶער וֶועג, דֶעמָאלְטְס נֶעם דִיר דַיין וֶועג און גֵיי, הָאט רַבִּי אֶלְעָזָר גֶעזָאגְט צוּ רַבִּי פִּנְחָס, זִיכֶער בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אַנְטְקֶעגְן דִיר און צוּ דִיר, וְוִיבַּאלְד אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעפִינֶען וֶועל אִיךְ גֵיין נָאךְ דִיר און מִיר וֶועלְן זִיךְ בַּאהֶעפְטְן אִינְאֵיינֶעם.

## החמור נענש על שהכשיל את ר"פ בהרהור בדברי תורה במקום האסור

**עַד דַּהֲווֹ אָזְלֵי מָטָא עִדָּן צְלוֹתָא** בעוד שהיו הולכים הגיע זמן התפלה, **נָחֲתוּ וְצַלּוּ** ירדו רבי פנחס ורבי אלעזר מחמוריהם והתפללו, **עַד דַּהֲווֹ מְצַלֵּי, קַפְטָר חַד חִוְיָא בְּרַגְלוֹי דַּחֲמָרָא דְּרַבִּי פִּנְחָס** בעוד שהיו מתפללים, נקשר ונכרך נחש אחד מסביב לרגלי החמור של רבי פנחס, **קַפְטָא וְגָעָא תְּרֵי זִמְנֵי** בעט וצעק החמור שתי פעמים, **בָּתַר דְּסִיְּימוּ צְלוֹתָא** אחר שסיימו את התפלה, **אָמַר רַבִּי פִּנְחָס** לרבי אלעזר, **וַדַּאי צַעֲרָא הוּא לִבְעִירָא דִּילִי** ודאי יש צער לבהמה שלי כי מענישים אותה, **דְּהָא יוֹמָא דָּא אַקְדִּימְנָא** כי היום הקדמתי לצאת לדרך, **וַהֲוֵינָא מַרְחִישׁ בְּאוֹרַיְיתָא** והייתי מרחש ומהרהר בדברי תורה, (והוא מלשון (תהלים מה ב) רחש לבי דבר טוב, שפי' המצודות, לבי יחשוב מחשבת דבר טוב), **וְאַעְבַּר לִי בְּאַתַר דִּלְכְלוּכָא שַׁרְיָא** והעביר אותי החמור במקום שהיה נמצא לכלוך וטנוף, ועי"ז נכשלתי להרהר בדברי תורה במקום מטונף, **וְהַשְׁתָּא מְצַעֲרֵי לָהּ** ולכן עתה מצערים ומענישים אותה, **קָמוּ וְחָמוּ חַד חִוְיָא קָטִיר אֲרַגְלָהָ** קמו ממקומם וראו שנחש אחד קשור על רגלי החמור, **אָמַר רַבִּי פִּנְחָס** להנחש, **חִוְיָא חִוְיָא זִיל וְאַסְחַר קוּטְרָךְ** נחש נחש לך ותסבב את קשריך, **בְּקִטְפוּרָא דְּחוּרָא** בתחתית החור והנקב שהוא מקום דירתך, **אַדְּהָכִי אִתְנְשַׁר חִוְיָא** בעוד שרבי פנחס אמר אלו הדברים, נשר ונפל הנחש מרגלי החמור, **וְנָפַל קַפְסִירֵי קַפְסִירֵי** ונפל חתיכות חתיכות, על שלא הלך מיד לחורו כשגזר עליו רבי פנחס.

**אָמַר רַבִּי אֶלְעָזָר** לרבי פנחס, **וּמַה כָּל כָּךְ מְדַקְדֵּק קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בְּצַדִּיקַיָּיא** ומה כל כך חושש הקב"ה בכבוד הצדיקים, עד שתובע עלבונם אפילו מבעלי חיים, **אָמַר לֵיהּ** רבי פנחס לרבי אלעזר, **וַדַּאי קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא מְדַקְדֵּק בְּהוּ בְּצַדִּיקַיָּיא** ודאי הקב"ה מדקדק עם הצדיקים וחושש לכבודם, **וְנָטִיר לוֹן** ושומר אותם משום עבירה ועון, **וּבָעָא לְאוֹסְפָא לוֹן קְדוּשָּׁה עַל קְדוּשָּׁתַיְיהוּ** ורוצה להוסיף להם קדושה על קדושתם, **וְהַשְׁתָּא הַאי חֲמָרָא עַל דְּלָא נָטַר קְדוּשָּׁתָא דִּילִי, אִצְטְעַר** ועתה החמור הזה על שלא שמר את הקדושה שלי נצטער ונענש, **וְדָא חִוְיָא שְׁלִיחָא הֲוָיָא** וזה הנחש היה שליח מן השמים לענוש את החמור.

### אידיש

### דֶער אֵייזְל אִיז גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן דֶערְפַאר וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁטְרוֹיכְלְט רַבִּי פִּנְחָס מִיט טְרַאכְטְן אִין דִּבְרֵי תּוֹרָה אִין אַן אָרְט וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט

**ווִילַאנְג** זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דֶער צַייט פוּן דַאוֶונֶען, זֶענֶען רַבִּי פִּנְחָס אוּן רַבִּי אֶלְעָזָר אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען פוּן זֵייעֶרע אֵייזְלֶען אוּן הָאבְּן גֶעדַאוְונְט, ווִילַאנְג זֵיי הָאבְּן גֶעדַאוְונְט, הָאט זִיךְ אַ שְׁלַאנְג אַרוּמְגֶעבִּינְדְן אוּן אַרוּמְגֶעוִויקְלְט אַרוּם דִי פִּיס פוּנֶעם אֵייזְל פוּן רַבִּי פִּנְחָס, הָאט דֶער אֵייזְל גֶעשְׁטוּיסְן אוּן גֶעשְׁרִיגְן צְוֵויי מָאל, נָאכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט דַאוֶונֶען, הָאט רַבִּי פִּנְחָס גֶעזָאגְט צוּ רַבִּי אֶלְעָזָר, זִיכֶער אִיז דָא צַעַר פַאר מַיין בְּהֵמָה אַז מֶען בַּאשְׁטְרָאפְט אִיר, וַוייל הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעפֶעדֶערְט אַרוֹיסְצוּגֵיין אִין וֶועג, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אִין דִּבְרֵי תּוֹרָה, אוּן דֶער אֵייזְל הָאט מִיר דוּרְכְגֶעפִירְט אִין אַן אָרְט וואוּ עֶס הָאט זִיךְ גֶעפִינֶען שְׁמוּץ, אוּן דוּרְכְדֶעם בִּין אִיךְ גֶעשְׁטְרוֹיכְלְט גֶעוָוארְן צוּ טְרַאכְטְן אִין דִּבְרֵי תּוֹרָה אִין אַ שְׁמוּצִיגְן אָרְט, דֶערִיבֶּער אִיז מֶען אִיר יֶעצְט מְצַעֵר אוּן מֶען בַּאשְׁטְרָאפְט אִיר, זֶענֶען זֵיי אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן זֵייעֶר אָרְט אוּן הָאבְּן גֶעזֶען אַ שְׁלַאנְג אִיז אָנְגֶעבִּינְדְן אוֹיף דִי פִּיס פוּנֶעם אֵייזְל, הָאט רַבִּי פִּנְחָס גֶעזָאגְט צוּם שְׁלַאנְג, שְׁלַאנְג שְׁלַאנְג, גֵיי אוּן דְרֵיי אוֹיף דַיינֶע קְנִיפְּן, אִינֶעם גְרוּנְד פוּן דֶעם לָאךְ וָואס דָארְט אִיז דַיין וואוֹינְאָרְט, ווִילַאנְג רַבִּי פִּנְחָס הָאט גֶעזָאגְט דִי רֵייד, אִיז דֶער שְׁלַאנְג אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּן דִי פִּיס פוּנֶעם אֵייזְל, אוּן עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן שְׁטִיקֶערְוַוייז, דֶערְפַאר וָואס עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גְלַייךְ צוּרִיקְגֶעקֶערְט צוּ זַיין לָאךְ אַזוֹי וִוי רַבִּי פִּנְחָס הָאט גּוֹזֵר גֶעוֶוען אוֹיף אִים.

**הָאט** רַבִּי אֶלְעָזָר גֶעזָאגְט צוּ רַבִּי פִּנְחָס, אוּן פַארְוָואס זָארְגְט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי שְׁטַארְק פַאר דֶער כָּבוֹד פוּן דִי צַדִּיקִים, אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז עֶר פָאדֶערְט זֵייעֶר פַארְשֶׁעמוּנְג אֲפִילוּ פוּן בַּעֲלֵי חַיִּים, הָאט רַבִּי פִּנְחָס גֶעזָאגְט צוּ רַבִּי אֶלְעָזָר, זִיכֶער אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מְדַקְדֵּק מִיט דִי צַדִּיקִים אוּן זָארְגְט פַאר זֵייעֶר כָּבוֹד, אוּן עֶר הִיט זֵיי אָפּ פוּן יֶעדְן עֲבֵירָה אוּן זִינְד, אוּן עֶר וִויל צוּגֶעבְּן פַאר זֵיי מֶער קְדוּשָׁה אוֹיף זֵייעֶר קְדוּשָׁה, אוּן יֶעצְט, דֶער אֵייזְל, וִוייבַּאלְד עֶר הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעהִיטְן מַיין קְדוּשָׁה, הָאט עֶר בַּאקוּמֶען צַעַר אוּן עֶר אִיז בַּאשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן, אוּן דֶער שְׁלַאנְג אִיז גֶעוֶוען אַ שָׁלִיחַ פוּן הִימְל צוּ בַּאשְׁטְרָאפְן דֶעם אֵייזְל.

ואמר רבי פנחס **וְכַמָּה שְׁלוּחִין אִית לֵיהּ לְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא** והרבה שליחים יש לו להקב"ה, **וּבְכֻלְּהוּ עָבִיד שְׁלִיחוּתֵיהּ** ובכולם הוא עושה את שליחותו, **וַאֲפִילּוּ בְּחֵיוַת בָּרָא** ואפילו בחיות השדה, **הָדָא הוּא דִכְתִיב** זהו שכתוב **וְהִשְׁלַחְתִּי בָכֶם אֶת חַיַּת הַשָּׂדֶה וְשִׁכְּלָה אֶתְכֶם** שתקבלו עונש על ידם, ולא מבעיא בידי החיות שאינם בני בחירה, ויש כח בעיניהם לראות סימני החוטא, אלא **וַאֲפִילּוּ בְּיַד גּוֹי** שיש לו בחירה גם כן עושה הקב"ה שליחותו, והוא מתעורר מכח מלאכו שבמרום הכופה אותו לייסר את ישראל, **הָדָא הוּא דִכְתִיב** זהו שכתוב **יִשָּׂא יהו"ה עָלֶיךָ גּוֹי מֵרָחוֹק מִקְצֵה הָאָרֶץ** והם הגלו את ישראל בגזרת הקב"ה.

**אָמַר רַבִּי אֶלְעָזָר** דייק מדבריו שלא אמר ואפילו בידי אדם, אלא ואפילו בידי גוי, לכן שאל את רבי פנחס, **וּבִידָא דְּיִשְׂרָאֵל עָבִיד שְׁלִיחוּתָא** האם ביד ישראל עושה הקב"ה שליחותו להעניש ישראל אחר, **אָמַר לֵיהּ** רבי פנחס **אִין, כְּגוֹן רָשָׁע בִּידָא דְּצַדִּיק** כגון רשע נענש על ידי צדיק, כמו הבית דין שהם צדיקים מכים ועונשים את הרשעים, **אֲבָל רָשָׁע בִּידָא דְּיִשְׂרָאֵל רָשָׁע אַחֲרָא** אבל להעניש רשע אחד בידי ישראל רשע אחר, **לָא עָבִיד בֵּיהּ שְׁלִיחוּתָא** אין הקב"ה עושה על ידו שליחותו, **אֶלָּא בִּזְמְנָא דְּאִיהוּ לָא מְכַוֵּון בֵּיהּ** אלא בעת שהרשע אינו מכוין לזה אלא הוא שוגג, **הָדָא הוּא דִכְתִיב** זהו שכתוב **וַאֲשֶׁר לֹא צָדָה** לא ארב לו ולא נתכוין להרוג אותו, **וְהָאֱלֹהִי"ם אִנָּה לְיָדוֹ** זימן לידו, ומפרש **וַאֲשֶׁר לֹא צָדָה דַּיְיקָא** כלומר (ס"ג הרמ"ק) **דְּלָא אִתְכְּוָון לְקַטְלָא לֵיהּ** שלא נתכוין להרוג אותו, **דָּא** איש כזה **וְהָאֱלֹהִי"ם אִנָּה לְיָדוֹ** פרש"י במה הכתוב מדבר, בשני בני אדם, אחד הרג שוגג ואחד הרג מזיד, ולא היו עדים בדבר שיעידו, זה לא נהרג וזה לא גלה, והקב"ה מזמן לפונדק

## אידיש

**הָאט** רַבִּי פִּנְחָס וַוייטֶער גֶעזָאגְט, אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַסַאךְ שְׁלִיחִים, אוּן מִיט זֵיי אַלֶע טוּט עֶר זַיין שְׁלִיחוּת, אוּן אֲפִילוּ מִיט דִי חַיוֹת פוּן פֶעלְד, דָאס אִיז וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וְהִשְׁלַחְתִּי בָכֶם אֶת חַיַּת הַשָּׂדֶה וְשִׁכְּלָה אֶתְכֶם", אוּן אִיךְ וֶועל אָנְרֵייצְן אִין אַייךְ דִי חַיָה פוּן פֶעלְד אוּן זִי וֶועט אַייךְ מַאכְן פַּארְלִירְן, דָאס הֵייסְט אַז אִיר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ שְׁטְרָאף דוּרְךְ זֵיי, אוּן נִישְׁט נָאר דוּרְךְ דִי חִיוֹת וָואס זֵיי זֶענֶען נִישְׁט קַיין בְּנֵי בְּחִירָה, אוּן זֵיי הָאבְּן אַ כֹּחַ אִין זֵייעֶרֶע אוֹיגְן צוּ זֶען דִי סִימָנִים פוּנֶעם זִינְדִיגְן, נָאר אֲפִילוּ דוּרְךְ אַ גּוֹי, וָואס עֶר הָאט יָא אַ בְּחִירָה, טוּט אוֹיךְ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זַיין שְׁלִיחוּת, אוּן דֶער גּוֹי וֶוערְט נִתְעוֹרֵר דוּרְכְן כֹּחַ פוּן זַיין מַלְאָךְ אִין הִימְל וָואס עֶר צְווִינְגְט אִים צוּ בַּאשְׁטְרָאפְן דֶעם אִיד, דָאס אִיז וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "יִשָּׂא ה' עָלֶיךָ גּוֹי מֵרָחוֹק מִקְצֵה הָאָרֶץ", דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טְרָאגְן אִיבֶּער דִיר אַ פָאלְק פוּנְדֶערְוַוייטְנְס פוּן דֶער עֶק פוּן דֶער עֶרְד, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט פַארְוָואגְלֶען דִי אִידְן מִיטְן גְזֵירָה פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

**הָאט** רַבִּי אֶלְעָזָר גֶעזָאגְט, עֶר הָאט מְדַיֵּיק גֶעוֶוען פוּן זַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזָאגְט אֲפִילוּ דוּרְךְ אַ מֶענְטְשׁ, נָאר, אֲפִילוּ דוּרְךְ אַ גּוֹי, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט רַבִּי פִּנְחָס, צוּ טוּט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זַיין שְׁלִיחוּת צוּ בַּאשְׁטְרָאפְן אַן אַנְדֶער אִיד, דוּרְךְ אַ אִיד, הָאט רַבִּי פִּנְחָס גֶעזָאגְט צוּ אִים, יָא, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַ רָשָׁע וֶוערְט בַּאשְׁטְרָאפְט דוּרְךְ אַ צַדִּיק, אַזוֹי וִוי דֶער בֵּית דִין וָואס זֵיי זֶענֶען צַדִּיקִים, טוּעֶן שְׁלָאגְן אוּן בַּאשְׁטְרָאפְן דִי רְשָׁעִים, אָבֶער צוּ בַּאשְׁטְרָאפְן אֵיין רָשָׁע דוּרְךְ אַן אַנְדֶער אִידִישֶׁער רָשָׁע, טוּט נִישְׁט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זַיין שְׁלִיחוּת דוּרְךְ אִים, נָאר אִינְדֶערְצַייט וָואס דֶער רָשָׁע הָאט דָאס נִישְׁט אִינְזִינֶען צוּ טוּן אוּן עֶר אִיז נָאר אַ שׁוֹגֵג, דָאס אִיז וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַאֲשֶׁר לֹא צָדָה", אוּן דֶער וָואס הָאט נִישְׁט גֶעלָאקֶערְט, עֶר הָאט אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט הַרְגֶ'נֶען, "וְהָאֱלֹקִים אִנָּה לְיָדוֹ", אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס צוּגֶעבְּרֶענְגְט צוּ זַיין הַאנְט, אוּן דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ עֶרְקְלֶערְט, "וַאֲשֶׁר לֹא צָדָה" דַוְקָא, דָאס הֵייסְט אַז עֶר הָאט אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט הַרְגֶ'נֶען, אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז "וְהָאֱלֹקִים אִנָּה לְיָדוֹ", אוּן רַשִׁ"י עֶרְקְלֶערְט אַז דָאס רֶעדְט זִיךְ בַּיי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן, וָואס אֵיינֶער הָאט גֶע'הַרְגֶ'עט אַ מֶענְטְשׁ בְּשׁוֹגֵג אוּן אֵיינֶער הָאט גֶע'הַרְגֶ'עט אַ מֶענְטְשׁ בְּמֵזִיד, אוּן עֶס זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין עֵדִים וָואס הָאבְּן עֶס גֶעזֶען אַז זֵיי זָאלְן קֶענֶען עֵדוּת זָאגְן, דֶערִיבֶּער אִיז דֶער נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אִין גָלוּת אוּן דֶער אִיז נִישְׁט גֶע'הַרְגֶ'עט גֶעוָוארְן, אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט זֵיי צוּזַאמֶען אִין אֵיין גַאסְטְהוֹיז, דֶער וָואס הָאט גֶע'הַרְגֶ'עט בְּמֵזִיד זִיצְט אוּנְטֶערְן לֵייטֶער, אוּן דֶער וָואס גֶע'הַרְגֶ'עט בְּשׁוֹגֵג גֵייט אַרוּף אוֹיפְן לֵייטֶער, אוּן עֶר פַאלְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער וָואס הָאט גֶע'הַרְגֶ'עט בְּמֵזִיד אוּן עֶר הַרְגֶ'עט אִים, אוּן עֵדִים זָאגְן עֵדוּת אוֹיף אִים אוּן מַאכְן אַז עֶר זָאל מוּזְן גֵיין אִין גָלוּת, קוּמְט אוֹיס אַז דֶער וָואס הָאט גֶע'הַרְגֶ'עט בְּשׁוֹגֵג גֵייט אִין גָלוּת, אוּן דֶער וָואס הָאט

אחד, זה שהרג במזיד יושב תחת הסולם, וזה שהרג שוגג עולה בסולם ונופל על זה שהרג במזיד והורגו, ועדים מעידים עליו ומחייבים אותו לגלות, נמצא זה שהרג בשוגג גולה, וזה שהרג במזיד נהרג, וזה שאמר **בְּגִין לְאַעְנְשָׁא לְתַרְוַיְיהוּ** כדי להעניש את שניהם, כי זה נהרג, וזה גולה לערי מקלט. (דף לו ע״ב, ובביאורינו כרך י עמ׳ תמט-תנא)

## ע״י מעשים טובים מעוררים המלאכים אהבה בין ישראל להשי״ת

**אָרְחוֹי דְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בְּדָא** דרכיו של הקב״ה בדבר ההשגחה הוא, **עַל גּוֹי וְעַל אָדָם יָחַד,** דהיינו **בֵּין לְעָלְמָא כֹּלָּא** בין לכל העולם כולו יחד, **בֵּין לְעַמָּא חַד** בין לעם אחד, **בֵּין לְחַד בִּלְחוֹדוֹי** בין לאדם אחד לבדו.

ומפרש דבריו, ואמר **תָּא חֲזֵי, בִּזְמְנָא דִבְנֵי נָשָׁא מִתְכַּשְּׁרָן עוֹבָדִין לְתַתָּא** בא וראה, בזמן שבני אדם מכשירים ומטיבים מעשיהם למטה, **וְאִתְעַר לְגַבַּיְיהוּ לְעֵילָּא יְמִינָא דְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא** ומתעוררת אליהם למעלה מדת החסד שבימינו של הקב״ה, **כְּדֵין מִתְעָרִין כַּמָּה רְחִימִין** אז מתעוררים הרבה מלאכים המעוררים אהבה בין ישראל לאביהם שבשמים, **כַּמָּה נְטוּרֵי עָלְמָא** ומתעוררים הרבה שומרי העולם, הממונים לשמור את העולם מכל פגעים רעים, **כַּמָּה נְטוּרֵי דְּבַר נָשׁ מִימִינָא וּמִשְּׂמָאלָא** והרבה שומרים של האדם מתעוררים לשמרו מימין ומשמאל, **וּכְדֵין אִתְכַּפְיָא שְׂמָאלָא וְלָא יָכְלָא לְשַׁלְטָאָה** ואז נכנע השמאל והסטרא אחרא ואינו יכול לשלוט בעולם.

(דף לו ע״ב, ובביאורינו כרך י עמ׳ תנב)

## אידיש

גֶע'הַרְגֶ'עט בְּמֵזִיד וֶוערְט גֶע'הַרְגֶ'עט, אוּן דָאס פִּירְט אוֹיס דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, כְּדֵי צוּ בַּאשְׁטְרָאפְן בֵּיידֶע, וַוייל דֶער וָואס הָאט גֶע'הַרְגֶ'עט בְּמֵזִיד וֶוערְט גֶע'הַרְגֶ'עט, אוּן דֶער וָואס הָאט גֶע'הַרְגֶ'עט בְּשׁוֹגֵג גֵייט אִין גָּלוּת צוּ דִי עָרֵי מִקְלָט.

### דוּרְךְ מַעֲשִׂים טוֹבִים עֶרְוֶועקְן דִי מַלְאָכִים לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן דִי אִידְן אוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

דִי וֶועגְן פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם עִנְיָן פוּן דִי הַשְׁגָּחָה אִיז, "עַל גּוֹי וְעַל אָדָם יָחַד", אוֹיף אַ פָאלְק אוּן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ צוּזַאמֶען, דָאס הֵייסְט, סַיי פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּזַאמֶען, סַיי פַאר אֵיין פָאלְק, אוּן סַיי פַאר אֵיין מֶענְטְשׁ אַלֵיין.

**אוּן** דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ עֶרְקְלֶערְט אוּן זָאגְט, קוּם אוּן זֶע, אִינְדֶערְצַייט וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן עֶרְלִיךְ אוּן פַארְבֶּעסֶערְן זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים אוּנְטְן, אוּן עֶס וֶוערְט נִתְעוֹרֵר צוּ זֵיי אוֹיבְן דִי מִדַּת הַחֶסֶד וָואס אִיז אִינֶעם רֶעכְטְן הַאנְט פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְטְס וֶוערְן נִתְעוֹרֵר פִילֶע מַלְאָכִים וָואס עֶרְוֶועקְן אַ לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן דִי אִידְן צוּ זֵייעֶר טַאטֶע אִין הִימְל, אוּן עֶס וֶוערְן עֶרְוֶועקְט אַסַאךְ הִיטֶער פוּן דֶער וֶועלְט, וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט צוּ הִיטְן דִי וֶועלְט פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי שְׁלֶעכְטֶע טְרֶעפוּנְגֶען, אוּן אַסַאךְ הִיטֶער וֶוערְן עֶרְוֶועקְט אָפְּצוּהִיטְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי רֶעכְטֶע זַייט אוּן פוּן דִי לִינְקֶע זַייט, אוּן דֶעמָאלְטְס וֶוערְט אוּנְטֶערְטֶענִיגְט דָאס שְׂמֹאל אוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא אוּן עֶר קֶען נִישְׁט גֶעוֶועלְטִיגְן אִין דֶער וֶועלְט.

**שבח דא שירתא**

אוּן אִיבֶּערְן עִנְיָן פוּן לֶערְנֶען זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ הָאט עֶר גֶעזָאגְט אִין נָאמֶען פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רַבִּי אַהֲרֹן פוּן זִיטָאמִיר אַז דִי וֶוערְטֶער אוּן דִי רֵייד פוּנֶעם זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אַלֵיין, טוּט מְקַשֵּׁר זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵין סוֹף יִתְבָּרַךְ.

(שארית ישראל שער ההתקשרות שער א')



הַזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ" ע״פ "מָתוֹק מִדְּבָשׁ" הפירוש הנפלא שהתקבל בכל תפוצות ישראל



קלענערע סעט – מהדורת ר' הערשל וועבער (In 7/5)



גרויסע סעט (In 9.5/6.5)



"ובלכתך בדרך" פארמאט 70 כרכים מהדורת ר' יוסף צבי בערגער (6.5/4.5 In)

פאר דעליווערי רופט: 845.664.5168